רַע שֶׁעַל יְדֵי לִמּוּד הַזֹּהַר נַעֲשֶׂה חֵשֶׁק לְכָל מִינֵי לִמּוּדִים שֶׁל הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה

בעזרת השם יתברך

# זֹהַר הַקָּדוֹשׁ

עם פירוש

# חָזִיתָ אִישׁ

פרשת ויגש

כו

וְהַמַּשְׂכִּילִים יַזְהִירוּ כְּזֹהַר הָרָקִיעַ

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.662.4888**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**1415 55th Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**מאנסי**
**34 Union Rd,**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


נדפס ע"י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# זֹהַר הַקָּדוֹשׁ

עם פירוש

# חָזְיָת אֵשׁ

א הערליכע לייכטע פירוש
אויפ'ן הייליגן זהר
מיט די הקדמות פונעם הייליגן רבי'ן
**געשריבן דורכ'ן ראש ישיבה שליט"א**

# ◆ הַקְדָמָה ◆

שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (מִשְׁלֵי כב, כט): "חָזִיתָ אִישׁ מָהִיר בִּמְלַאכְתּוֹ" וֶוען דוּ זֶעסְט אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז פְלִינְק אִין זַיין אַרְבֶּעט, זָאלְסְטוּ וִויסְן - "לִפְנֵי מְלָכִים יִתְיַצָּב" עֶר וֶועט צוּם סוֹף שְׁטֵיין פַאר קֶענִיגְן, זָאגְן אוּנְז דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (שִׁיר הַשִּׁירִים רַבָּה א, ד): "אֵלּוּ הַצַּדִּיקִים" דָאס מֵיינְט מֶען דִי צַדִּיקִים, "שֶׁהֵם עוֹסְקִין בִּמְלַאכְתּוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא" וָואס זֵיי בַּאשֶׁעפְטִיגְן זִיךְ אִין דִי אַרְבֶּעט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; זֵיי בְּרֶענְגֶען צוּרִיק נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, זֵיי זָאלְן גֵיין אִין דִי וֶועגְן פוּן דִי תּוֹרָה.

דָאס גֶעפוּנֶען מִיר אָן אַ שִׁיעוּר מָאל אִינֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר זוֹהַר, דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי צַדִּיקִים וָואס זֵיי לֶעבְּן מִיט דִי תּוֹרָה, זֵיי לֶעבְּן מִיטְ'ן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער; זֵיי זֶענֶען זוֹכֶה בַּיים סוֹף: "לִפְנֵי מְלָכִים יִתְיַצָּב" זֵיי וֶועלְן זִיךְ זֶען מִיטְ'ן לֶעבֶּעדִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, "בַּל יִתְיַצֵּב לִפְנֵי חֲשֻׁכִּים".

וִויבַּאלְד מִיר הָאבְּן גֶעהֶערְט אַלֶע יָארְן וִוי מוֹהֲרַ"א"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז מִשְׁתּוֹקֵק עֶס זָאל אַרוֹיסְקוּמֶען אַ פֵּירוּשׁ אוֹיף זוֹהַר וָואס אֲפִילוּ קְלֵיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן קֶענֶען לֶערְנֶען אוּן פַארְשְׁטֵיין, הָאבְּן מִיר בְּסִיַּיעְתָּא דִשְׁמַיָּא גֶעשְׁרִיבְּן אַ לַייכְטֶע פֵּירוּשׁ אוֹיפְ'ן סֵפֶר זוֹהַר, וָואס אֲפִילוּ פָּשׁוּטְ'ע מֶענְטְשְׁן זָאלְן דָאס קֶענֶען לֶערְנֶען אוּן פַארְשְׁטֵיין, אוּן בַּאקוּמֶען אַ חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר.

בַּיי דִי וֶועלְט אִיז אָנְגֶענוּמֶען, אוֹיבּ מֶען לֶערְנְט זוֹהַר אֵיידֶער מֶען אִיז פֶערְצִיג יָאר אַלְט - קֶען מֶען מְשׁוּגָע וֶוערְן, אָבֶּער מוֹהֲרָ"א"שׁ פְלֶעגְט שְׁפֶּעטְן דֶערְפוּן; מוֹהֲרָ"א"שׁ הָאט גֶעזָאגְט: "עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, מֶען וֶוערְט נִישְׁט מְשׁוּגָע פוּן לֶערְנֶען זוֹהַר, מְשׁוּגָע וֶוערְט מֶען אוֹיבּ מֶען טוּט עֲבֵירוֹת חַס וְשָׁלוֹם, אוּן אוֹיבּ מֶען לֶערְנְט זוֹהַר וֶוערְט מֶען אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק".

אִיךְ הָאבּ אַ נָאמֶען גֶעגֶעבְּן דֶעם סֵפֶר: "חָזִיתָ אִישׁ". מִיר גֶעפוּנֶען כִּמְעַט פַאר יֶעדֶע שְׁטִיקְל זוֹהַר דֶעם לָשׁוֹן 'תָּא חֲזֵי' - קוּם אוּן זֶע; עֶס שְׁטֵייט פוּן צַדִּיקִים, אִין גְמָרָא אִיז דָא דֶער לָשׁוֹן 'תָּא שְׁמַע' קוּם אוּן הֶער, אָבֶּער אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ אִיז דֶער לָשׁוֹן 'תָּא חֲזֵי' קוּם אוּן זֶע, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער סֵפֶר זוֹהַר עֶפְנְט אוֹיף דִי אוֹיגְן, מֶען זָאל זֶען מִיט דִי אוֹיגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין יֶעדְן זַאךְ. "חָזִית" אִיז מִלְּשׁוֹן "תָּא חֲזֵי", אוּן אִינֶעם וָוארְט אִי"שׁ אִיז מְרוּמָז דִי נָאמֶען פוּן מוֹהֲרָ"א"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר מִיר, עֶר הָאט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף מִיר, מִיךְ מְקָרֵב גֶעוֶוען צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן

מִיר גֶעעֶפְנְט דִי אוֹיגְן אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זֶען אִין יֶעדֶע זַאךְ רוּחָנִיּוּת אֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרֵךְ.

אוֹיךְ אִיז מְרוּמָז אִינֶעם וָוארְט אִ'יש דִי נָאמֶען פוּן מַיין זֵיידֶע, קַארְלְסְבּוּרְגֶער רָב, רֶבִּי יְ'חֶזְקֵאל רוֹטְה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס עֶר הָאט אִין מִיר אַרַיינְגֶעלֵייגְט אַ גְלִיסְטֶענִי'ש צוּם הֵיילִיגְן סֵפֶר זוֹהַר. אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען מִיט אִים פוּן אַלְס קִינְד בְּחַבְרוּתָא פַאר לַאנְגֶע יָארְן דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר זוֹהַר, אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זִיצְן גַאנְצֶע וָואכְן אִין מְעָרַת רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי אִין מִירוֹן מִיט אִים, אוּן בַּאקוּמֶען אַ שְׁטִיקְל טַעַם, אַ שְׁטִיקְל גֶעפִיל - צוּ דִי הֵיילִיגֶע זַאכְן, אוֹיךְ אִיז מְרוּמָז אִינֶעם וָוארְט אִ'יש מַיין נָאמֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן, דוּרְךְ לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן זוֹהַר זָאלְן מִיר אַלֶע וֶוערְן צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי בָּרוּכְ'ל פוּן מֶעזִיבּוּז זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט פְּשַׁט אִינֶעם שַׁעַר הַזּוֹהַר: "זֶה סֵפֶר הַזּוֹהַר אֲשֶׁר חִבֵּר הַתַּנָּא הָאֱלֹקִי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ", הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "זֶה סֵפֶר", דֶער דִיאַמַאנְט, "הַזּוֹהַר", וָואס שַׁיינְט אִין אַלֶע וֶועלְטְן, "אֲשֶׁר חִבֵּר", עֶס בַּאהֶעפְט אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, "תַּנָּא", עֶס לֶערְנְט אוּנְז אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער, דָאס הָאט מְחַבֵּר גֶעוֶוען דֶער הֵיילִיגֶער "רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ".

בָּרוּךְ יְ' לְ'עוֹלָם אָ'מֵן וְ'אָמֵן.

• • •

# א תפילה
## פארן לערנען זהר

**יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ ה' אֱלֹקֵינוּ וֵאלֹקֵי אֲבוֹתֵינוּ, בִּזְכוּת וָואס אִיךְ לֶערְן דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר זוֹהַר, וָואס רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי הָאט גֶעזָאגְט, אַז דוּרְךְ לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן זוֹהַר וֶועט מֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן גָּלוּת - זָאל אִיךְ זוֹכֶה זַיין אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן מַיין אֵייגֶענֶע גָּלוּת; אִיךְ זָאל אָפְּלָאזְן אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן אוּן אָנְהוֹיבְּן לֶעבְּן מִיט דִיר, אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין דִיךְ צוּ שְׁפִּירְן. אוּן בִּזְכוּת וָואס אִיךְ לֶערְן דֶעם הֵיילִיגְן זוֹהַר - זָאל מִיר לִיכְטִיג וֶוערְן מַיינֶע אוֹיגְן, אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ קְלָארֶע לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה, אִיךְ זָאל לֶעבְּן מִיט דִיר, אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן דִיר:**

פָּרָשַׁת וַיִּגַּשׁ תשפ"ו - דַּף רז ע"ב

**פָּתַח רַבִּי אֶלְעָזָר וְאָמַר (תְּהִלִּים פח, ב): 'ה' אֱלֹקֵי יְשׁוּעָתִי יוֹם צָעַקְתִּי בַלַּיְלָה נֶגְדֶּךָ', תָּא חֲזֵי, דָּוִד מַלְכָּא הֲוָה קָם בְּפַלְגוּת לֵילְיָא וְאִשְׁתַּדֵּל בְּאוֹרַיְיתָא בְּשִׁירִין וְתוּשְׁבְּחָן, לְחֶדְוָה דְמַלְכָּא וּמַטְרוֹנִיתָא, וְדָא הֲוָה חֶדְוָה דִמְהֵימְנוּתָא בְּאַרְעָא, בְּגִין דְּהַאי אִיהוּ שְׁבָחָא דִמְהֵימְנוּתָא דְאִתְחֲזֵי בְּאַרְעָא, דְּהָא לְעֵילָּא**

## חָזִיתָ אִישׁ

**פָּתַח רַבִּי אֶלְעָזָר וְאָמַר** רַבִּי אֶלְעָזָר הָאט גֶעעֶפְנְט אוּן גֶעזָאגְט, מִיר גֶעפִינֶען אַלְץ אִין זוֹהַר דֶעם לָשׁוֹן 'פָּתַח וְאָמַר', וַוייל דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט דִי סוֹדוֹת הַתּוֹרָה - הָאבְּן זֵיי גֶעעֶפְנְט דִי הִימְלֶען, עֶס אִיז גֶעוָואְרן אַ הֵיילִיגְקֵייט אוֹיף דִי וֶועלְט, **עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק, דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט** (תְּהִלִּים פח, ב): **'ה' אֱלֹקֵי יְשׁוּעָתִי' אֵייבֶּערְשְׁטֶער דֶער גָאט וָואס אִיז מַיין הֶעלְפֶער, 'יוֹם צָעַקְתִּי' בַּייטָאג שְׁרֵיי אִיךְ צוּ דִיר, 'בַלַּיְלָה נֶגְדֶּךָ' אוּן אוֹיךְ בַּיינַאכְט גְרֵייט אִיךְ אָן מַיין תְּפִלָּה פַאר דִיר; תָּא חֲזֵי קוּם אוּן זֶע,** אִין זוֹהַר הָאבְּן מִיר אַלְץ דִי לָשׁוֹן תָּא חֲזֵי - קוּם אוּן זֶע, אַנְדֶערְשׁ ווי אִין דִי גְמָרָא וָואס דֶער לָשׁוֹן אִיז תָּא שְׁמַע - קוּם אוּן הֶער, וַוייל דִי הֵיילִיגֶע זוֹהַר עֶפְנְט דִי אוֹיגְן, עֶס וֶוערְט אַזוֹי לִיכְטִיג, מֶען הוֹיבְּט אָן זֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **דָּוִד מַלְכָּא הֲוָה קָם בְּפַלְגוּת לֵילְיָא דָוִד הַמֶּלֶךְ אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיינַאכְט בַּיי חֲצוֹת, וְאִשְׁתַּדֵּל בְּאוֹרַיְיתָא בְּשִׁירִין וְתוּשְׁבְּחָן אוּן עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה, אוּן אוֹיךְ גֶעדַאנְקְט אוּן גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, לְחֶדְוָה דְמַלְכָּא וּמַטְרוֹנִיתָא עֶר הָאט פְרֵיילִיךְ גֶעמַאכְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה,** וַוייל וֶוען מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה אוּן מֶען דַאנְקְט אוּן מֶען לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אִיז מֶען גוֹרֵם אַ שִׂמְחָה פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן פַאר דִי שְׁכִינָה. **וְדָא הֲוָה חֶדְוָה דִמְהֵימְנוּתָא בְּאַרְעָא אוּן דָאס אִיז דִי פְרֵייד פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען אִידִישֶׁע קִינְדֶער דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן אִים; בְּגִין דְּהַאי וַוייל וֶוען אִידִישֶׁע קִינְדֶער לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיהוּ שְׁבָחָא דִמְהֵימְנוּתָא דְאִתְחֲזֵי בְּאַרְעָא דָאס אִיז דִי לוֹיב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מֶען דַאנְקְט אִים אוּנְטְן, אוֹיף דִי וֶועלְט, דְּהָא לְעֵילָּא וַוייל אוֹיבְן אִין הִימְל,**

**פָּתְחֵי בְּחֶדְוָה שִׁירָתָא, כַּמָּה מַלְאָכִין עִלָּאִין, בְּכַמָּה זִינִין דְּקָא מְשַׁבְּחָן בְּלֵילְיָא בְּכָל סִטְרִין, וּכְהַאי גַּוְונָא לְתַתָּא בְּאַרְעָא.**

**מַאן דִּמְשַׁבַּח לֵיהּ לְקֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בְּאַרְעָא בְּלֵילְיָא, רָעֵי בֵּיהּ** (בָּעֵי) **קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא, וְכָל אִינּוּן מַלְאָכִין קַדִּישִׁין דְּקָא מְשַׁבְּחָן לֵיהּ לְקֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא, כֻּלְּהוּ צַיְיתִין לְהַהוּא דְּקָא מְשַׁבַּח לֵיהּ בְּלֵילְיָא בְּאַרְעָא, דְּהַאי תּוּשְׁבַּחְתָּא אִיהוּ בִּשְׁלִימוּ, לְסַלְקָא יְקָרֵי דְּקֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא מִתַּתָּא, וּלְזַמְּרָא בְּחֶדְוָה דְּיִחוּדָא.**

## חָזִית אִישׁ

**פָּתְחֵי בְּחֶדְוָה שִׁירָתָא כַּמָּה מַלְאָכִין עִלָּאִין** טוּעֶן דִי מַלְאָכִים דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **בְּכַמָּה זִינִין** מִיט אַלֶע סָארְט לוֹיבּ, **דְּקָא מְשַׁבְּחָן בְּלֵילְיָא בְּכָל סִטְרִין** מִיט וָואס זֵיי טוּעֶן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיינַאכְט אִין אַלֶע זַייטְן פוּן דִי וֶועלְט, **וּכְהַאי גַּוְונָא לְתַתָּא בְּאַרְעָא** אוּן אַזוֹי אוֹיךְ דָא אוֹיף דִי וֶועלְט דַארְף מֶען לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**מַאן דִּמְשַׁבַּח לֵיהּ לְקֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בְּאַרְעָא בְּלֵילְיָא** וֶוער עֶס דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיינַאכְט, **רָעֵי בֵּיהּ** (בָּעֵי) **קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא** הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לִיבּ, **וְכָל אִינּוּן מַלְאָכִין קַדִּישִׁין דְּקָא מְשַׁבְּחָן לֵיהּ לְקֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא** אוּן אַלֶע מַלְאָכִים וָואס טוּעֶן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **כֻּלְּהוּ צַיְיתִין** אַלֶע הֶערְן זִיךְ צוּ, **לְהַהוּא דְּקָא מְשַׁבַּח לֵיהּ** צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **בְּלֵילְיָא** בַּיינַאכְט, **בְּאַרְעָא** אוֹיף דִי וֶועלְט. אוֹיךְ קֶען מֵיינֶען 'בַּיינַאכְט' - וֶוען עֶס אִיז טִינְקְל פַאְרן מֶענְטְשׁ, וֶוען עֶס גֵייעֶן אַרִיבֶּער שְׁוֶועֶרע טֶעג, אוּן אַז דֶער מֶענְטְשׁ דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען עֶס אִיז בַּיי 'אִים' נַאכְט - הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לִיבּ. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר מוֹהַרְנַ"ת (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקנה): "דוּ וֵוייסְט וֶועם דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ אַ גֶעפְּרֶעגְלְטְן אִיד"; וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים יְסוּרִים, מֶען פְּרֶעגְלְט אִים מִיט שְׁוֶועֶרע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, אוּן דָאךְ זִינְגְט עֶר אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט נִישְׁט קֵיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; **דְּהַאי תּוּשְׁבַּחְתָּא אִיהוּ בִּשְׁלִימוּ** וַוייל דָאס אִיז דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע לוֹיבּ פַאְרן אֵייבֶּערְשְׁטְן, **לְסַלְקָא יְקָרֵי דְּקֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא מִתַּתָּא** וֶוען מֶען לוֹיבְּט אִים פוּן אוּנְטְן, **וּלְזַמְּרָא בְּחֶדְוָה דְּיִחוּדָא** אוּן צוּ זִינְגֶען מִיט

**תָּא חֲזֵי, דָּוִד מַלְכָּא כָּתַב, 'ה' אֱלֹקֵי יְשׁוּעָתִי וְגוֹ', ה' אֱלֹקֵי יְשׁוּעָתִי, אֵימָתַי אִיהוּ יְשׁוּעָתִי, בְּהַהוּא יוֹמָא דְאַקְדֵּמִית תּוּשְׁבַּחְתָּא בְּלֵילְיָא לְגַבָּךְ, כְּדֵין אִיהוּ יְשׁוּעָתִי בִּימָמָא, וְתָא חֲזֵי, דְּהָא בְּלֵילְיָא, מַאן דְּמִשַׁבַּח לְמָארֵיהּ בְּתוּשְׁבַּחְתָּא דְאוֹרַיְיתָא, כְּדֵין אִתְתַּקַּף בְּתַקִּיפוּ בִּימָמָא בְּסִטְרָא דִימִינָא, דְּהָא**

חָזִיתָ אִישׁ

**פְרֵייד פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר אִיז אֵיינְצִיג און עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶער אִים.** אויךְ קֶען מֵיינֶען 'אוּנְטְן' אֲפִילוּ מֶען אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן, מֶען לִיגְט אוּנְטְן, אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, און פוּן דָארְט שְׁרֵייט מֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פוּן דָארְט זִינְגְט מֶען צוּ אִים - דָאס אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב. אַזוֹי וְוי מוֹהֲרַנַ"ת הָאט גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶע פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען וְוי אַלֶעס גֵייט אִים גוּט און עֶר פְלַאקֶערְט און בְּרֶענְט אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט: אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט הֲנָאָה פוּן דִיר, וֶוען אִיךְ וֶועל זֶען וְוי עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער און דוּ וֶועסְט דֶעמָאלְט אוֹיךְ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים דַאנְקֶען און לוֹיבְּן - דֶעמָאלְט וֶועל אִיךְ הֲנָאָה הָאבְּן פוּן דִיר; 'לְסָלְקָא יְקָרֵי דְּקֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא מִתַּתָּא', דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ.

**תָּא חֲזֵי** קוּם און זֶע, **דָּוִד מַלְכָּא כָּתַב דָּוִד הַמֶּלֶךְ** זָאגְט (תְּהִלִּים פח, ב): **'ה' אֱלֹקֵי יְשׁוּעָתִי'** אֵייבֶּערְשְׁטֶער דֶער גָאט וָואס אִיז מַיין הֶעלְפֶער, **'יוֹם צָעַקְתִּי'** בַּייטָאג שְׁרֵיי אִיךְ צוּ דִיר, **'בַּלַּיְלָה נֶגְדֶּךָ'** און אוֹיךְ בַּיינַאכְט גְרֵייט אִיךְ אָן מַיין תְּפִלָּה פַאר דִיר; טַייטְשְׁט דֶער זוֹהַר, **'ה' אֱלֹקֵי יְשׁוּעָתִי' אֵימָתַי אִיהוּ יְשׁוּעָתִי**, וֶוען אִיז מַיין יְשׁוּעָה? **בְּהַהוּא יוֹמָא דְאַקְדֵּמִית תּוּשְׁבַּחְתָּא בְּלֵילְיָא לְגַבָּךְ** אִין יֶענֶעם טָאג וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעפֶעדֶערְט און גֶעשְׁרִיגְן בַּיינַאכְט צוּ דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, **כְּדֵין אִיהוּ יְשׁוּעָתִי** דֶעמָאלְט זֶע אִיךְ מַיין יְשׁוּעָה, **בִּימָמָא** בַּייטָאג, עֶס וֶוערְט מִיר אוֹיס נַאכְט, אִיךְ זֶע אַז אַלֶעס אִיז פוּן דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער; וַוייל דָאס אַז מֶען שְׁרֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען עֶס אִיז נַאכְט - דָאס אִיז דִי יְשׁוּעָה, אַנְדֶערְשׁ וְוי מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען וֶוען זֵיי בֶּעטְן אוֹיף זֵייעֶרֶע זַאכְן וָואס פֶעלְט זֵיי, זֵיי וַוארְטְן אוֹיף אַ יְשׁוּעָה; מֶען דַארְף וִויסְן אַז דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע יְשׁוּעָה, אַז מֶען קֶערְט זִיךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און מֶען בֶּעט אִים; מִיט דֶעם וֶוערְט שְׁטַארְק דִי אֱמוּנָה.

**וְתָא חֲזֵי** און קוּם און זֶע, **דְּהָא בְּלֵילְיָא, מַאן דְּמִשַׁבַּח לְמָארֵיהּ בְּתוּשְׁבַּחְתָּא דְאוֹרַיְיתָא** וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁטַארְקְט זִיךְ בַּיינַאכְט, עֶר שְׁטֵייט אוֹיף לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, **כְּדֵין אִתְתַּקַּף בְּתַקִּיפוּ בִּימָמָא** דֶעמָאלְט קֶען עֶר זִיךְ שְׁטַארְקְן בַּייטָאג, **בְּסִטְרָא דִימִינָא** עֶס קוּמְט אוֹיף אִים חֲסָדִים. **דְּהָא** אַזוֹי וְוי חֲכָמֵינוּ

**חוּטָא חַד נַפְקָא מִסִּטְרָא דִימִינָא, וּכְדֵין אִתְמַשַּׁךְ עֲלֵיהּ וְאִתְתַּקַּף בֵּיהּ, וְעַל דָּא אָמַר ה' אֱלֹהֵי יְשׁוּעָתִי יוֹם צָעַקְתִּי וְגוֹ'.**

**וּבְגִין כָּךְ אָמַר** (שָׁם קטו, יז)**: 'לֹא הַמֵּתִים יְהַלְלוּ קָהּ', לֹא הַמֵּתִים, בְּגִין דְּאִצְטְרִיךְ לְשַׁבְּחָא חַי לְחַי. וּמֵת לְחַי לָאו הָכִי, דִּכְתִיב לֹא הַמֵּתִים יְהַלְלוּ קָהּ, וַאֲנַחְנוּ נְבָרֵךְ קָהּ, דְּהָא אֲנַן חַיִּין, וְלֵית לָן חוּלָקָא בְּסִטְרָא דְמוֹתָא כְּלָל.**

חָזִית אִישׁ

זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עֲבוֹדָה זָרָה ג:), **חוּטָא חַד נַפְקָא מִסִּטְרָא דִימִינָא** וֶוער עֶס לֶערְנְט תּוֹרָה בַּיינַאכְט בַּאקוּמְט עֶר אַ לִיכְטִיגְקֵייט, אַ 'חוּט שֶׁל חֶסֶד'; אוּן אַזוֹי זָאגְט דֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת הַמְתָּקַת הַדִּין, סִימָן סה): 'הָעוֹסֵק בַּתּוֹרָה בַּלַּיְלָה, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מוֹשֵׁךְ עָלָיו חוּט שֶׁל חֶסֶד בַּיּוֹם', **וּכְדֵין אִתְמַשַּׁךְ עֲלֵיהּ** אוּן עֶס צִיט זִיךְ צוּם מֶענְטְשׁ דִי חֶסֶד, **וְאִתְתַּקַּף בֵּיהּ** אוּן דָאס גֶעבְּט אִים כֹּחַ זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן, **וְעַל דָּא אָמַר** אוּן אוֹיף דֶעם זָאגְט דָוִד הַמֶּלֶךְ: 'ה' **אֱלֹהֵי יְשׁוּעָתִי יוֹם צָעַקְתִּי וְגוֹ'**.

**וּבְגִין כָּךְ אָמַר** אוּן דֶערִיבֶּער הָאט דָוִד הַמֶּלֶךְ גֶעזָאגְט (תְּהִלִּים קטו, יז): '**לֹא הַמֵּתִים יְהַלְלוּ קָהּ**', **לֹא הַמֵּתִים** דִי טוֹיטֶע קֶענֶען נִישְׁט לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **בְּגִין דְּאִצְטְרִיךְ לְשַׁבְּחָא חַי לְחַי** וַוייל נָאר אֵיינֶער וָואס לֶעבְּט, עֶר הָאט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה - דֶער קֶען לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר קֶען זִיךְ דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם לֶעבֶּעדִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, **וּמֵת לְחַי לָאו הָכִי** אָבֶּער דֶער וָואס אִיז אַ טוֹיטֶער, דָאס מֵיינְט מֶען דֶער וָואס הָאט נִישְׁט קֵיין אֱמוּנָה - דֶער דַאנְקְט נִישְׁט אוּן לוֹיבְּט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר אִיז פוּל מִיט טַעֲנוֹת אוּן קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן רַחֲמָנָא לִצְלָן, בִּבְחִינַת מֵת, **דִּכְתִיב** אוּן אוֹיף אִים זָאגְט דָוִד הַמֶּלֶךְ: **לֹא הַמֵּתִים יְהַלְלוּ קָהּ** דִי טוֹיטֶע קֶענֶען נִישְׁט לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **וַאֲנַחְנוּ נְבָרֵךְ קָהּ** אָבֶּער מִיר לֶעבֶּעדִיגֶע וֶועלְן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **דְּהָא אֲנַן חַיִּין** וַוייל מִיר לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה, **וְלֵית לָן חוּלָקָא בְּסִטְרָא דְמוֹתָא כְּלָל** מִיר הָאבְּן נִישְׁט קֵיין חֵלֶק אִין דִי סִטְרָא אַחֲרָא וָואס זֶענֶען אַזוֹי וִוי טוֹיטֶע.

אַזוֹי אוֹיךְ חִזְקִיָּהוּ דֶער קֶענִיג חִזְקִיָּהוּ, וֶוען עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעהֵיילְט פוּן זַיין קְרֶענְק, **אָמַר** הָאט עֶר גֶעזִינְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת, אוּן גֶעזָאגְט (יְשַׁעְיָה לח, יט): '**חַי חַי הוּא יוֹדֶךָ**' יֶעדֶער לֶעבֶּעדִיגֶער מֶענְטְשׁ לוֹיבְּט דִיר, '**כָּמוֹנִי**' אַזוֹי וִוי אִיךְ לֶעבּ אוּן אִיךְ לוֹיבּ דִיר; **בְּגִין דְּחַי אִתְקְרַב לְחַי** וַוייל דָאס אִיז דֶער

**חִזְקִיָּהוּ אָמַר** (יְשַׁעְיָה לח, יט): **'חַי חַי הוּא יוֹדֶךָ כָּמוֹנִי', בְּגִין דְּחַי אִתְקְרַב לְחַי, דָּוִד מַלְכָּא אִיהוּ חַי וְקוּרְבָא דִילֵיהּ לְחַי הָעוֹלָמִים, וּמַאן דְּאִתְקְרִיב לְגַבֵּיהּ אִיהוּ חַי, דִּכְתִיב** (דְּבָרִים ד, ד): **'וְאַתֶּם הַדְּבֵקִים בַּה' אֱלֹקֵיכֶם חַיִּים כֻּלְּכֶם הַיּוֹם', וּכְתִיב** (שְׁמוּאֵל ב כג, כ): **'וּבְנָיָהוּ בֶּן יְהוֹיָדָע בֶּן אִישׁ חַי רַב פְּעָלִים מִקַּבְצְאֵל'.**

חָזִיתָ אִישׁ

סִימָן אַז דִי לֶעבְּן אִיז לֶעבֶּעדִיג, אַז מֶען דֶערנֶענְטֶערְט זִיךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן דֶערְפַאר אִיז דָוִד הַמֶּלֶךְ אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיינַאכְט בַּיי חֲצוֹת זִינְגֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **דָּוִד מַלְכָּא אִיהוּ חַי** ווייל דִי לֶעבְּן אִיז אִים גֶעוֶוען לֶעבֶּעדִיג, **וְקוּרְבָא דִילֵיהּ לְחַי הָעוֹלָמִים** אוּן עֶר הָאט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג גֶעצוֹיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **וּמַאן דְּאִתְקְרִיב לְגַבֵּיהּ** אוּן אַזוֹי אוֹיךְ יֶעדֶער אֵיינֶער וָואס דֶערנֶענְטֶערְט זִיךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס הֵייסְט עֶר לוֹיבְּט אוּן דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - **אִיהוּ חַי** דֶער לֶעבְּט, **דִּכְתִיב** אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (דְּבָרִים ד, ד): **'וְאַתֶּם הַדְּבֵקִים בַּה' אֱלֹקֵיכֶם'** אוּן עֶנְק אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס זֶענְט בַּאהָאפְטְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **'חַיִּים כֻּלְּכֶם הַיּוֹם'** עֶנְק זֶענְט אַלֶע לֶעבֶּעדִיג.

**וּכְתִיב** אוּן עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (שְׁמוּאֵל ב כג, כ): **'וּבְנָיָהוּ בֶּן יְהוֹיָדָע'** אוּן דֶער צַדִּיק בְּנָיָהוּ בֶּן יְהוֹיָדָע, **'בֶּן אִישׁ חַי'** אַ לֶעבֶּעדִיגֶער מֶענְטְשׁ, **'רַב פְּעָלִים'** וָואס הָאט גֶעטוּן אַסַאךְ גוּטֶע זַאכְן, **'מִקַּבְצְאֵל'** פוּן דִי שְׁטָאט קַבְצְאֵל; פְּרֶעגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (בְּרָכוֹת יח:) וָואס אִיז דָאס אַז דִי פָּסוּק זָאגְט אוֹיף אִים אַז עֶר הָאט גֶעלֶעבְּט, 'אַטּוּ כּוּלֵּי עָלְמָא בְּנֵי מֵתֵי נִינְהוּ' אַלֶע מֶענְטְשְׁן פוּן דִי וֶועלְט זֶענֶען דֶען טוֹיטֶע? זָאגְט דִי גְמָרָא, דִי צַדִּיקִים זַיי לֶעבְּן סַיי בַּיים לֶעבְּן אוּן סַיי נָאכְן אַוֶועק גֵיין פוּן דִי וֶועלְט, ווייל דֶער וָואס לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן לֶעבְּן, אוּן דִי רְשָׁעִים - 'אֲפִילוּ בְּחַיֵּיהֶם קְרוּיִין מֵתִים' אֲפִילוּ בַּיים לֶעבְּן זֶענֶען זֵיי טוֹיטֶע; ווייל אַ לֶעבְּן אָן תּוֹרָה, אָן אֱמוּנָה - אִיז נִישְׁט קֵיין לֶעבְּן.

אִין דֶעם שְׁטִיקְל זוֹהַר זֶעעֶן מִיר אַ גְרוֹיסְן סוֹד, אַז דֶער וָואס לוֹיבְּט אוּן דַאנְקְט שְׁטֶענְדִיג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דֶער אִיז גוֹרֵם אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אוֹיבְן אִין הִימְל, אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי עֲבוֹדָה אִין וָואס דִי צַדִּיקִים הָאבְּן עוֹסֵק גֶעוֶוען זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן; לוֹיבְּן אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיינַאכְט בַּיי חֲצוֹת, אוּן אוֹיךְ וֶוען עֶס אִיז זֵיי גֶעוֶוען אַ בְּחִינָה פוּן נַאכְט הָאבְּן זֵיי נָאר גֶעדַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.